(05/2023) Pub. 5533-Y

# בעסטע פראגראמירונג איינפירונגען פאר טשיילד קעיר פראגראמען

Office of Children and Family Services

## באדייטן

- **פארשידנארטיגקייט:** דער באנעמונג אדער קוואליטעט פון אריינרעכענען אדער איינשליסן מענטשן פון א רייע אנדערע סאציאלע און עטנישע הונטערגרונדן און פון אנדערע דזשענדערס, שלעכטליכע אריענטאציעס, א.ד.ג.
- **גלייכקייט:** גערעכטיגקייט לויט די נאטורליכע געזעץ אדער רעכט, יושר'דיג, גלייך; צום ביישפיל, ווען אלע מענטשן עררייכן סוקסעס דורך ווערן צוגעשטעלט די פאסיגע הילפסמיטלען.
- **אריינעמען:** א פראצעס וואס האדעוועט אן אטמאספער וואס האלט טייער מיטארבעט, בויגזאמקייט, און גלייכקייט; פארשידנארטיגקייט און גלייכקייט אין שריט; כוונה'דיגע ווילן פון אריינעמען פארשידענע שטימעס, איבערהויפט, שטימעס וועלכע זענען געמאכט געווארן שטיל.
- **גרינגע צוטריט:** דער שריט פון פארזיכערן אז א מענטש מיט א דיסאביליטי ווערט געגעבן די מעגליכקייט צו באקומען די זעלבע אינפארמאציע, זיין פארנומען אין די זעלבע אינטעראקציעס, און הנאה האבן פון די זעלבע סערוויסעס ווי א מענטש אן א דיסאביליטי אין די זעלבע אפעקטיווע און די זעלבע איינגעשלאסענע אויפן, מיט די זעלבע באדייטנדע גרינגקייט פון באנוץ. דער פערזאן מיט א דיסאביליטי מוז קענען באקומען די אינפארמאציע אין פול, גלייכערהייט און זעלבסטשטענדיג געוני ווי א פערזאן אן א דיסאביליטי.

## פארוואס בעסערע איינפירונגען זענען וויכטיג: פרינציפן פון קינדער אנטוויקלונג און לערנען

- די פאלגנדע ליסטע איז פון Alanis, I., & I.U. Iruka, eds. with S. Friedman. 2021. *פאראויס ריקן גלייכקייט און אננעמען פארשידנארטיגקייט אין פריע קינדהייט עדיוקאציע: Advancing Equity and Embracing Diversity in Early) Childhood Education: אויפהייבן שטימעס און שריט. (Elevating Voices and Actions).* וואשינגטאן, DC: NAEYC.
  1. פריע קינדהייט איז א ספעציעלע טייערע און איינגעשטעלטע צייט אין די מענטשליכע לעבנס ראד.
  2. יעדע אינדיווידואל - קינד, פאמיליע מיטגליד, און פריע לערערין - איז ספעציעל.
  3. יעדע אינדיווידואל געהער צו מערערע סאציאלע און קולטורישע גרופעס.
  4. לערנען איז א סאציאלע פראצעס טיף אויסגעפארעמט דורך קולטור, סאציאלע אינטעראקציעס, און שפראך.
  5. שפראך און קאמיוניקאציע זענען זייער וויכטיג צו די לערנען פראצעדור.
  6. פאמיליעס זענען די הויפט אינהאלט פאר קינדער'ס אנטוויקלונג און לערנען.
  7. לערנען, געפילן, און זכרון זענען זייער שטארק פארבינדן אין מח פראצעסירן נעצן.
  8. שעדליכע דרוק און אנגסט קען שטארק שטערן דאס לערנען.
  9. קינדער'ס לערנען ווערט פארשנעלערט ווען אויסלערנען איינפירונגען, קוריקיולים, און לערנען סביבות בויענדיג אויף די קינדער'ס שטארקייטן זענען דעוועלאפמענטאלי, קולטוריש, און שפראך צוגעפאסט פאר יעדע קינד.
  10. איינפירונגען וואס ווערן דורכגעטראכט זענען פארלאנגט צו עררייכן גלייכע לערנען מעגליכקייטן.

## קינדער קעיר פראגראמען פרובירן אריינצוברענגען פארשידנארטיגקייט, גלייכקייט, אריינעמען יעדן, און גרינגע צוטריט בעסטע איינפירונג געדאנקן

- דאס איז נישט קיין גענצליכע ליסטע.
- אלע סטעיט רעגולאציעס בלייבן גילטיג.
- נעמט אריין אלע שטאב (און קינדער לויט זייער עלטער-/אנטוויקלונג צוגעפאסטקייט) אין די פראצעדור פון אנטוויקלען די מאטעריאלן אונטן.
- באטראכט צו מאכן די מאטעריאלן ביי א שטאב זיצונג מיט אלע פארמישטע (און/אדער מיט עלטערע קינדער) דאן זיי לאמינירן (לייגן אין פלעסטיק) צו האלטן אוועקגעלייגט און גרייט פאר יעדן ארומצושיקן און זיך טיילן.
- זייט וויסנד נישט אפצושיידן קינדער ווען זייערע אונטערשיידן און נישט מאכן סטערעאטיפ מיינונגען אויף קינדער.

## פלאנירט

- פלאנירט אנדערע סארטן פון קולטורישע טעג דורכאויס די יאר געגוג פרי ווי אויך אריינצוברענגען קולטור אין יעדע קלאסצימער טעגליך.
- בעט עלטערן/גארדיענס צוצושטעלן בילדער פון זייערע פאמיליעס און דעטאלן פון זייערע פאמיליעס צוצולייגן צו א וועלט וואנט מאפע.
- געפינט אויס פון וואו יעדעס קינד'ס נאמען קומט און די מיינונג פון די נאמען (דאס קען ווערן אויסגעשטעלט).
- שטעלט אויס בילדער פון פארשידענע געביידעס פון ארום די וועלט אין די גראס מאטאר/בלאק אפטיילונגען. אויב זיי זענען לאמינירט, וועלן זיי פארבלייבן א לאנגע צייט!
- לייגט ארויס טאוולען/בילדער פון קינדער און מענטשן פון פארשידענע ראסעס, עטנישקייטן, יארגענג, דזשענדערס, דזשענדער אידענטיטעטן/אויסדרוקן, פעיאגקייטן, און שלעכטליכע ארינטאציעס.
- פירט דורך רעגלמעסיגע גרופע דיסקוסיעס מיט די קינדער איבער קולטורישע פארשידנארטיגקייט, אננעמונג, ענליכקייטן, און אינטערשיידן צווישן מענטשן, א.ד.ג.
- פארמאגט מולטי-קולטורישע קרעיאנס גרייט פאר קינדער.
- פארמאגט סענסארי געצייג, זאכן, און שפילצייג גרייט פאר קינדער צו נוצן (אזוי ווי גערודער-צוריקרוף געצייג און פידזשעט שפילצייג).

## שפראך

- לערנט אלגעמיינע שלאגווערטער אזוי ווי "א גוטן" און "צום ווידערזען" אין אנדערע שפראכן (פרובירט צו לערנען כאטש איין פער מאנאט).
- לערנט צייכן שפראך.

## זינגט/טאנצט/שפילט

- שפילט לידער אין אנדערע שפראכן (בעט פאמיליעס אראפצושרייבן ווערטער).
- טאנצט צו מוזיק פון אנדערע לענדער/קולטורן (בעט פאמיליעס פאר מוזיק).
- לאזט קינדער זיך אנטון אין זייער קולטורישע טראדיציאנאלע קליידער (נעמענדיג אין באטראכט סיי וועלכע נויטיגע געזונטהייט און זיכערהייט מוסנאמן אין אלער לערנען אפטיילונגען).
- שפילט גרופע שפילן פון ארום די וועלט.

## קאכן

- קאכט עסן פון ארום די וועלט און זאמלט רעצעפטן צו מיטטיילן.
- בעט פאמיליעס אריינצוברענגען א רעצעפט פון זייערע קולטורישע הונטערגרונד און טיילט עס מיט מיט אלע עלטערן.

## ביכער

- שווארצע, אינדיגינעס און אנדערעמענטשן פון קאליר (BIPOC), די +LGBTQ געמיינדע, און מענטשן מיט דיסאביליטיס טוען אלע דורכגיין אונטערשאצונג אין קינדער ביכלער. שטודיעס צייגן אז אין קינדער ביכער, טוען קינדער פון אונטערגעשאצטע גרופעס זיין מער אויסגעשטעלט צו זען און ליינען וועגן נישט-מענטשליכע כאראקטערס (אזוי ווי בעלי חיים, מאנסטארס, טראקס, אדער גרינצייג) ווי כאראקטערס פון זייערע אייגענע הונטערגרונדן. אויסוועלן ביכער דורך א פערספעקטיוו פון פארשידנארטיגקייט, גלייכקייט, אריינעמען יעדן, און גרינגע צוטריט (DEIA) קען העלפן קינדער זיך אליין צו געפינען און שאפן אייפער, גלויבונגען, צילן און א דראנג צו לערנען. פרובירן צו אויסוועלן ביכער וואס פארטרעטן פארשידענע הונטערגרונדן קען קינדער און שאפן מיטלייד צו מענטשן מיט ערפארונגען אנדערש ווי זייער אייגנס. OCFS טוט מוטיגן ביכער וואס טוען בדווקא אפשפיגלען פארשידנארטיגקייט און מולטי-קולטוריזם פון ניו יארק סטעיט.
- פאלגנד זענען מער ריסאורסעס אויף די וויכטיגקייט פון פונקטליכע און פאזיטיווע פארטרעטונג אין קינדער'ס ביכער:
  - ➢ די נומערן זענען אריין: CCBC Diversity Statistics - Cooperative Children's Book Center (wisc.edu) 2019 https://ccbc.education.wisc.edu/the-numbers-are-in-2019-ccbc-diversity-statistics/

- וואס מיר לערנען אויס איבער ראסע און דזשענדער: רעפרעזענטאציע אין בילדער און טעקסט פון קינדער'ס ביכער | BFI (uchicago.edu) https://bfi.uchicago.edu/insight/research-summary/what-we-teach-about-race-and-gender-representation-in-images-and-text-of-childrens-books/
- פארוואס אייגנארטיגקייט אין קינדער'ס מידיע איז אזוי וויכטיג - פסיכיאלאגיע אין אקציע https://www.psychologyinaction.org/psychology-in-action-1/2020/3/5/why-diversity-in-childrens-media-is-so-important
- לערנען פאר גערעכטיגקייט | עדיוקאציע ריסאורסעס https://www.learningforjustice.org/
סאושעל גערעכטיגקייט ביכער-אנווייזונג פאר אויסוועלן אנטי בייאס קינדער'ס ביכער https://socialjusticebooks.org/guide-for-selecting-anti-bias-childrens-books/

- ביכער ליסטעס מיט א DEIA פערספעקטיוו:
  - סאושעל גערעכטיגקייט ביכער-ביכער ליסטעס https://socialjusticebooks.org/booklists/
  - פארוואס איז עס וויכטיג פאר קינדער זיך צו זען אין ביכער | סקאלעסטיק | עלטערן https://www.scholastic.com/parents/books-and-reading/raise-a-reader-blog/why-its-important-kids-to-see-themselves-books.html
  - רעפרעזאנטאציע טוט אויסמאכן: 10 קינדער'ס ביכער מיט באגרעניצטע כאראקטארס (thinkinclusive.us) https://www.thinkinclusive.us/post/10-childrens-books-with-disabled-characters#:~:text=10%20Children%E2%80%99s%20Books%20With%20Disabled%20Characters%201%20Mommy,All%20Wonders%20by%20R.J.%20...%20More%20items...%20
  - אנטי בייס עדיוקאציע - אויסלערנען פאר טויש https://www.teachingforchange.org/educator-resources/anti-bias-education
  - די קאנשיס קינד https://www.theconsciouskid.org/
  - 24 Great LGBTQIA+ Books for Kids and Teens | Brightly (readbrightly.com) https://www.readbrightly.com/9-great-lgbtq-books-kids/#:~:text=16%20Great%20LGBTQIA%2B%20Books%20for%20Kids%20and%20Teens.,Honey%20%26%20Leon.%20Juli%C3%A1n%20Is%20a%20Mermaid.%20
  - איין טריט אויף א מאל: 13 ביכער וועגן געמישטע פאמיליעס | Brightly (readbrightly.com) https://www.readbrightly.com/books-about-blended-families/
  - 18 בעסטע צוויישפראכיגע קינדער'ס ביכער צו אויסלערנען א ליבשאפט פון שפראך (romper.com) https://www.romper.com/entertainment/best-bilingual-childrens-books

## געדאנקן פאר פירער

- די פאלגנדע ליסטע איז פון Alanis, I., & I.U. Iruka, eds. with S. Friedman .2021 *פאראויס ריקן גלייכקייט און אננעמען פארשידנארטיגקייט אין פריע קינדהייט עדיוקאציע: ( Advancing Equity and Embracing Diversity in Early Childhood Education:) אויפהייבן שטימעס און שריט. (.Elevating Voices and Actions)* וואשינגטאן, DC: NAEYC.

1. נעמט אויף און האלט אן שטאב וואס זענען צוגעבינדן צו אנטי-בייאס עדיוקאציע - רעכנט אריין פראגן וועגן גלייכקייט און נוצט אנטי בייאס עדיוקאציע אינטערוויו פראטאקאלן ווען איר נעמט אויף שטאב.
2. שטיפט צוזאמארבעט - אראנזשירט שטאב ארבעט סקעדזשולס צו שטיפן פארבינדונג בויען און צוזאמארבעט דורך קוריקיולעם פלאנירונג, טיעם אויסלערנען, און אלגעמיינע פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג ערפארונגען.
3. נעמט אריין שטאב אין קריטישע טראכטן (אנטי-בייעס ארטיקלען, איבערקוקן קינדער'ס ביכער, שטופן שמועסן צווישן קאלעגעס, א.ד.ג.).
4. נעמט אריין אנטי-בייאס עדיוקאציע צו שטאב זיצונגען און פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג.
5. שטעלט צו מעגליכקייטן פאר פאמיליעס (און שטאב) צו פארברענגען; שמועסן; לערנען צוזאמען; און לערנען פון פאמיליעס וועגן זייערע שטארקקייטן, וויסנשאפט, און געניטקייט קינדער ברענגען צו פראגראמען.
6. פארעמט א גלייכע איינשלסן טיעם וואס נעמט אריין שטאב, פאמיליעס, אנדערע וועלכע האבן דירעקטע פארבינדונג אין די פראגראם, א.ד.ג.